שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

פרשת נצבים־וילך ||| שנת תשפ"ג לפ"ק ||| גליון י"ט ||| שנה א'

# הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

**פטרון סדר דברים**
הרוצה בעילום שמו
לטו"נ הרה"ק רבי אלעזר
בן הרה"ק רבי אלימלך זי"ע מריישא

## בך בטחתי

**קחו עמכם דברים;**
זיך אָפּן אויסרעדן צום אויבערשטן איז די בעסטע הכנה אים צו ממליך זיין ראש השנה

יום ראשון פרשת נצבים כ"ב אלול תשפ"ב

א

## רצונינו לעשות רצונך; דער רבוש"ע ווארט צו הערן אונזער אָפענע נאָנטקייט שפּראַך מיט אים

### די הכנה צו די הייליגע טעג דורך אמירת סליחות

איינס פון די הכנות צום גרויסן טאָג פון ראש השנה, איז דאָס זאָגן סליחות. מען דאַרף זיך דעריבער מתבונן זיין וויאַזוי די סליחות איז אַן הכנה צום ראש השנה און צו די הייליגע טעג.

מיר זענען צוגעוואוינט אַז מען גרייט זיך צו אַ מצוה, אָדער צו אַ יום טוב, דורך לערנען די הלכות און פאַרשטיין די חשיבות דערפון. אַצינד, ביי ראש השנה, וואָס איז דאך אַ טאָג פון 'המלכת השי"ת', ס'איז אַ טאָג פון ממליך זיין דעם רבוש"ע, **זען מיר אַז די הכנה וואָס מען מאַכט איז דורך 'זאָגן סליחות'!** אונזער הכנה איז דורך זיך איבערבעטן מיט'ן רבוש"ע און אים בעטן אַז ער זאָל אונז מוחל זיין, ווי די אָפּטייטש פון דאָס וואָרט 'סליחה'. **דאָס איז דער וועג וויאַזוי מיר גרייטן זיך צו ממליך זיין דעם אויבערשטן!**

### דאָס באַדייט פון 'איבערבעטן' בין אדם לחבירו

לאָמיר אַריינקלערן וויאַזוי עס אַרבעט דער באַגריף פון 'סליחה' צווישן צוויי חברים: איינער שפּירט אַז ער האָט געטון אַן אומרעכט קעגן זיין חבר, ער האָט אפשר פּוגע געווען אין אים, גייט ער צו אים און בעט אים איבער: "כ'האָב נישט גענוג געטראַכט איידער כ'האָב גערעדט... כ'וואָלט זיך געדאַרפט איבערטראַכטן פאר איך האָב דאָס געטון אָדער געזאָגט... איך בעט דיך איבער".

דאָס איז טייטש אַז ווען אַ מענטש בעט סליחה פון זיין חבר, איז ער זיך מתבונן אין 'יענעמס' געפיל און אין 'זיין' אייגענע אויפפירונג. אַזוי פאַרשטייט ער אַז ער האָט זיך נישט ריכטיג אויפגעפירט און ער בעט זיך איבער.

### בעטן מחילה פאַר'ן פּוגם זיין אין די 'נאָנטקייט' מיט'ן אויבערשטן

די זעלבע זאַך איז כלפּי דעם רבוש"ע; די וועג וויאַזוי אַ איד קומט בעטן סליחה פונעם אויבערשטן איז ווען ער איז זיך מתבונן אז ער האָט זיך נישט געפירט ריכטיג מיט זיין נאָנטקייט צום באַשעפער. דער מענטש בעט נישט מחילה בלויז ווייל ער האָט געטון די עבירה, אָדער ווייל ער האָט נישט געלערנט גענוג פלייסיג, ער גייט אַריין מיט אַ טיפערן בליק: **"איך וואָלט דאָך געדאַרפט האָבן אַ גאָר נאָנטע שייכות און קרבה צום רבוש"ע, אָבער יעצט צוליב מיינע מעשים, האָב איך פּוגם געווען אין די נאָנטקייט, דאַרף איך אים איבערבעטן!** מיינע עבירות האָבן געברענגט אַ 'תוצאה' אַז ס'איז נפגם געוואָרן די קרבה וואָס איך האָב געהאַט מיט'ן אויבערשטן!"

מיט דעם צוגאַנג גרייטן מיר זיך צו ממליך זיין דעם אויבערשטן, ווי עס שטייט אין די ספרים הק' אַז **בעיקר דאַרף אַ מענטש ממליך זיין דעם אויבערשטן אויף זיך, און דורכדעם איז מען אים שוין ממליך אויף דער גאַנצער וועלט.**

וואָס איז טייטש ממליך זיין דעם אויבערשטן אויף זיך?! דאָס איז נישט בלויז וואָס מען טוט יאָ אָדער נישט ריכטיג. **ס'איז עפּעס טיפער פון דעם!** ס'איז **די 'שייכות' און די 'קרבה'** וואָס אַ איד האָט מיט'ן רבוש"ע, און אויף די נקודה טוען מיר תשובה!

### מיר דאַרפן איבערבעטן השי"ת פאַר'ן זיך 'מתעלם' זיין

די גרעסטע סליחה וואָס אַ מענטש בעט איז ווען ער האָט זיך מתעלם געווען פונעם אויבערשטן. דאָס איז פּונקט ווי 'בין אדם לחבירו' איז אַסאַך מאָל נאָך אַרגער ווען איינער מאַכט זיך נישט וויסנדיג פון זיין חבר, ווי ווען ער וואָלט אים באַ'עולה'ט.

עס מאַכט זיך אַמאָל ווען אַ מענטש האָט יענעם געטשעפּעט אָדער געטון אַן אומריכטיגע זאַך. אָבער נאָך ערגער דערפון איז ווען ער דאַוונט מיט אַ חבר אין דעם זעלבן שול, **אָבער ער מאַכט זיך פּשוט נישט וויסנדיג פון אים!** ער גייט זיך זיין וועג, קוקט אים נישט אָן, רעדט נישט צו אים, כאילו ער קען אים ניטאַמאָל! דאָס איז דאך אַ געוואַלדיגע פּגיעה פאַר אַ מענטש.

שוין אָפּגערעדט אַז אויב דאָס פּאַסירט

מיט נאָנטע מענטשן, וואָס שמועסן און פאַרברענגען יעדן טאָג, אָבער איין טאָג האָט דער חבר זיך מתעלם געווען פון אים, איז דאָס איז נאָך אַ גרעסערע טשעפּע און פגיעה.

די גמרא זאָגט אין מסכת **ברכות** (ו, ב), אַז ווען מענטש קומט יעדן טאָג אינדערפרי אין בית הכנסת, אָבער איין טאָג קומט ער נישט, פרעגט דער רבוש"ע זיך נאָך, כביכול: "**וואו איז דער איד?! ער פלעגט דאָ קומען יעדן פאַרטאָגס?!**". אויב ווערט נתברר אַז דער איד איז געגאַנגען ערלעדיגן זיינע געשעפטן, ווייל ער האָט נישט געהאַט גענוג בטחון אין השי"ת, דעמאָלט דרוקט זיך דער אויבערשטער אויס זייער שאַרף, ווייל "ער האָט מיך אָפּגעלאָזט"! **ס'איז נישט בלויז אַז ער איז געקומען שפּעטער צום דאַווענען**, ס'איז נישט בלויז אַז ס'האָט אים געפעלט פופצן מינוט פון זיין לערנען, **ס'איז די פגיעה אַז "ער האָט מיך אָפּגעלאָזט"**, כביכול.

## 'סליחות' איז טייטש: האָבן אַן אָפּענע שפּראַך מיט'ן רבוש"ע

ווען מיר בעטן 'סליחה' פונעם אויבערשטן, בויען מיר צוריק די ידידות, צו זיין אָפן מיט'ן אויבערשטן. מען קומט צוריק צום רבוש"ע און מען רעדט זיך דורך, אַזוי ווי אַ מענטש וואָלט זיך אויסגערעדט צו זיין חבר: "**איך האָב זיך געפירט נישט ווי ס'דאַרף צו זיין, כ'האָב זיך מתעלם געווען, כ'האָב זיך נישט וויסנדיג געמאַכט**".

צווישן חברים איז דאָ מענטשן מיט וועמען מען האָט בלויז אַזאַ אויבערפלעכליכע סאָרט שייכות. דאָס זענען אַזעלכע חברים מיט וועמען מ'קען רעדן וועגן די 'וועטער' און וועגן די לעצטע 'נייעס'... אָבער אויב דער שמועס הייבט אָן אַריינגיין אַביסל טיפער, אין דעם פּרטיות'דיגן לעבן, דעמאָלט שפּירט דער מענטש: עד כאן. ער וויל זיך נישט דורכשמועסן און זיך עפענען פאַר יענעם, ווייל ער האָט נישט אַזאַ סאָרט נאָענט קשר מיט דעם חבר. אויב דער מענטש האָט אַזאַ סאָרט קשר מיט'ן רבוש"ע, אַז ס'איז דאָ פאַרשידענע זאַכן וואָס ער האָט מורא צו רעדן וועגן דעם, באַדייט דאָס אַז עס פעלט אים אין די עכטע קרבת ה'.

## די ערשטע שטאַפּל צו ממליך זיין השי"ת

באמת דאַרף אַ איד קענען רעדן אַלעס מיט'ן אויבערשטן, מיט אַן אָפּנקייט: "**רבוש"ע, מיין גוף האָט מיך געשלעפּט... וואָס זאָל איך טון?... רצוני לעשות רצונך, אבל שאור שבעיסה מעכב** (ברכות יז, א)**... אדרבה, העלף מיך אַרויס! איך קען נישט אליינס זיך אַן עצה געבן!**".

זיי אָפן מיט'ן רבוש"ע! **בוי אויף מיט אים אַן אמת'ע נאָנטע קרבה, אַז דו זאָלסט זיך קענען אויסשמועסן מיט אים אַלעס!** דאָס איז


**זיי אָפן מיט'ן רבוש"ע! בוי אויף מיט אים אַן אמת'ע נאָנטע קרבה, אַז דו זאָלסט זיך קענען אויסשמועסן מיט אים אַלעס!**


די ערשטע שטאַפּל צו קענען ממליך זיין דעם אויבערשטן אויף זיך אַליינס. און אַזוי קען מען אים טאַקע אמת'דיג ממליך זיין, **נישט בלויז 'משפה ולחוץ'**.

ס'איז דאָך אַ פחד אַז אַ מענטש קען דורכגיין די גאַנצע הייליגע טעג, און אפילו טון אַלעס וואָס מען דאַרף מיט אַן ערנסטקייט. ער קויפט אַ זייג, ער שאָקלט זיך זייער ערנסט, **ער האָט אָבער קיינמאָל געעפענט אַן אָפּענע שפּראַך מיט'ן רבוש"ע!** עס פעלט פון זיין המלכת השי"ת! פאַרדעם דאַרף מען האָבן סליחות, און ס'מוז טאַקע זיין מיט אַ סדר פון טאָג טאָג נאָך טאָג, ווען דער רבוש"ע זאָגט אונז: "לאָמיר רעדן". ווייל **די טיפסטע צער פון די שכינה הק' איז ווען אַ איד איז נישט אָפן מיט'ן אויבערשטן.**

## די אמת'ע 'תשובה' איז צו ווערן אַן אַנדערער מהות - 'מלא אמונה'

אַזוי שטייט פון צדיקים, אַז די עיקר תשובה איז נישט טייטש בלויז אויף צו פאַררעכטן די מעשים, אַז ביז יעצט האָט ער זיך אויפגעפירט אַזוי און יעצט גייט ער טון אַנדערש. ווייל ווען אַ תשובה איז געבויעט אויף מעשים, קען טאַקע זיין אַז ער האָט משנה געווען דרויסנדיגע זאַכן, **אָבער זיין 'מהות' האָט ער נישט משנה געווען**, ער האָט ווייטער נישט קיין שייכות מיט'ן אויבערשטן אויף אַ טאָג טעגליכן פאַרנעם. **דער רבוש"ע וויל דאָך אָבער יאָ די נאָנטקייט!**

די עיקר תכלית פון די גאַנצע עבודה איז כדי אַז אַ מענטש זאָל צוקומען צו ריכטיגע אמונה און בטחון, ווייל דורכדעם ווערט אַ איד אָנגעהאָנגען מיט אַ געפיל פון שייכות און נאָנטקייט אויפ'ן רבוש"ע. **דאָס איז דאָך די גאַנצע תכלית פון אַלע תורה און מצוות**, אַז מען זאָל צוקומען צו דעם 'לדבקה בו'!

ס'איז דאָ וואָס מיינען אַז 'דביקות' איז אַ העכערע מדריגה, וואָס איז געמאַכט בלויז פאַר גרויסע צדיקים אָבער דאָס באַלאַנגט נישט פאַר פּשוט'ע מענטשן. **דאָס איז אַ טעות! 'דביקות' איז טייטש אַז דער רבוש"ע וויל דו זאָלסט טראַכטן פון אים! זאָלסט זיין נאָנט צו אים!** ווען עפּעס גייט דיך נישט גוט, זאָלסטו זיך דורכשמועסן מיט אים!

## די הגדרה פונעם 'חזון איש' אויף אַן ערליכער איד; איינער וואָס 'לעבט' מיט אמונה

ס'איז געווען אַ חשוב'ער איד, הגה"צ רבי **אלעזר צדוק טורטשין** ז"ל, וואָס פלעגט לערנען מיט'ן **חזון איש** זצ"ל אַלס בחור. איינמאָל נאָך דער חתונה ווען ער אריינגעקומען צום חזון איש האָט דער חזו"א אויפגעהויבן די אויגן פונעם ספר און אים געפרעגט אַז ער האָט אַ 'חקירה'; וואָס איז פשט אַז מען זעט אַסאַך מאָל גוטע בחורים, וואָס אין ישיבה האָבן זיי אויסגעקוקט ווי יראי ה', אָבער נאָך דער חתונה פאַלן זיי שטאַרק אַראָפּ און ווערן אַנדערע מענטשן. איז דאָס טייטש אַז זיי זענען קיינמאָל נישט געווען קיין ערליכע בחורים, נאר אַלעס איז געווען אַ שפּיל ביז די חתונה; אָדער זענען זיי יאָ געווען גוטע בחורים, נאר נאָך די חתונה האָבן זיי באַקומען נייע נסיונות פון דער מגושם'דיגער גאס וואָס דעריבער זענען זיי אַראָפּ פון זייער מדריגה.

ווען ר' אליעזר צדוק האָט געהערט די 'חקירה' האָט ער געטראַכט אַז ער האָט דאָך יעצט חתונה געהאַט, מסתם מיינט דער 'חזון איש' אים צו מרמז זיין אַז ער איז געפאַלן נאָך דער חתונה... ער האָט זיך אָנגעהויבן מתבונן זיין וואָס ער האָט געטון נישט ריכטיג, און פון גרויס צעמישעניש האָט ער נישט געהאַט דעם קאָפּ צו רעדן ווייטער מיט'ן 'חזון איש'. ער איז אַרויס פון דאָרט און ער האָט אָנגעהויבן שפּאַצירן אויף די פאַרקערטע ריכטונג פון זיין הויז, נישט וואוסנדיג וואו ער גייט בכלל.

אינמיטן אַזוי שפּאַצירן טרעפט אים אַ ייד און פרעגט אים פאַרוואָס ער איז אַזוי צעטראָגן, האָט ר' אליעזר צדוק זיך אויפגעכאַפּט פון זיינע געדאַנקען און ער האָט פאַרציילט די חקירה וואָס דער חזו"א האָט אים געפרעגט און ער שפּירט אַז ס'מיינט אים. זאָגט אים דער חבר: "באַרואיג זיך, קום צוריק אַרויף צום 'חזון איש', אפשר האָט ער דיך געוואָלט עפּעס ענטפערן אויף דער חקירה".

ר' אליעזר צדוק איז טאַקע צוריקגעגאַנגען צום 'חזון איש' און אים געפרעגט וואָס איז טאַקע די ענטפער. האָט אים דער חזו"א געזאָגט אַז: איך האָב דיך נישט געמיינט, כ'האָב געוואָלט עפּעס אַרויסברענגען, און כ'האָב פשוט נישט געענטפערט ווייל דו האָסט מיר נישט געגעבן קיין תשובה, אָבער יעצט אַז דו פרעגסט וועל איך דיר זאָגן: די אמת'ע תירוץ איז אַז איינער וואָס פאַלט נאָך דער

חתונה, **האָט ער שוין אין ישיבה אויך נישט געהאַט קיין געהעריגע אמונה!** דעריבער קוקט ער יעצט אויס וויאַזוי ער זעט אויס!

דער 'חזון איש' האָט ווייטער געזאָגט: **מענטשן מיינען אַז 'אמונה' ליגט אין דער קעשענע**, אָבער באמת איז דאָס אַ גרויסער טעות. מען דאַרף אַסאַך האָרעווען צו קונה זיין אמונה און אַז מען אַרבעט נישט דערויף האָט מען דאָס נישט!

דער חזון איש האָט געגעבן אַ ביישפּיל: אַן ערליכער איד וואָס וויל קויפן אַ פּאָר שיך, טראַכט ער די ערשטע זאַך אַז ער דאַרף יעצט אָנקומען צום אויבערשטן. ער איז מתפלל: "רבוש"ע, העלף אַז כ'זאָל קענען קויפן אַ פּאָר שיך וואָס פּאַסט מיך, עס זאָל זיין באַקוועם, עס זאָל נישט קאסטן צופיל געלט". און הערשט דאַן גייט ער אַרויס פון שטוב קויפן די שיך. שפּאַצירנדיג אין גאַס איז ער זיך ווייטער מתבונן און ער בעט דעם אויבערשטן אַז ער זאָל טרעפן די ריכטיגע שיך געשעפט, און אַזוי קויפט ער די שיך, טריט נאָך טריט, אינאיינעם מיט'ן אויבערשטן!

דאָס האָט דער חזון איש געענטפערט: דער בחור וואָס איז געוואָרן אַנדערש אַלס אינגערמאַן, איז אויך אין ישיבה נישט געווען דבוק צו אידישקייט אין אמונה. **ער האָט טאַקע געלערנט גוט אָבער ס'איז בכלל נישט קיין קשיא וואָס איז געשען נאָכדעם, ווייל צו קונה זיין אמונה דאַרף מען האָרעווען!** צו קונה זיין אמונה דאַרף מען זיך צוגעוואוינען צו בעטן און דאַנקן אויף יעדע קלייניגקייט.

## ביים באַשעפער איז נישט קיין שום חילוק צווישן קליינע און גרעסערע פּראָבלעמען

ווען א מענטש לערנט זיך אויס צו לעבן מיט'ן רבוש"ע, ער רעדט מיט אים אַלעמאָל ווען ער דאַרף דארף עפּעס, ער איז אָפן מיט אים, דעמאָלט ווען דער מענטש קומט אָן צו קומענדיגע שטאַפּלן אין לעבן, ווען עס טוישט זיך זיינע געברויכן, **קען ער ווייטער רעדן מיט'ן אויבערשטן דערוועגן!** אַמאָל האָט ער געדאַרפט האָבן אַ פּאָר שיך, יעצט דאַרף ער אַ צווייטע גרעסערע זאַך וואָס ער קען זיך דערמיט נישט מסדר זיין, אָבער **ער קען אַלעמאָל דאָס דורכרעדן מיט'ן רבוש"ע!**

די פּראָבלעמען אין לעבן ווערן טאַקע גרעסער מיט דער צייט, אָבער **דאָס איז בלויז אויב דער מענטש דארף זיך אליינס מסדר זיין און לעזן אַלע זיינע פּראָבלעמען**, אויב אָבער ער רעדט זיך אַלעמאָל דורך מיט'ן אויבערשטן, איז דאָך נישט קיין שום נפקא מינא צווישן אַ קליינע פּראָבלעם און אַ גרויסע פּראָבלעם. **פאַר'ן רבוש"ע איז דאָך נישט קיין חילוק!** אַזאַ איד האָט ביי יעדע זאַך **אַן 'אָפענע ליניע'** מיט'ן אויבערשטן, אייביג ביי יעדע סאָרט סיטואַציע!

## אויפבויען אונזער קשר דורך האָבן אַן אָפענע שפּראַך

די גרעסטע טענה כביכול פון דעם רבוש"ע איז ווי דער נביא זאגט (ישעי', כט, יג): **"בְּפִיו וּבִשְׂפָתָיו כִּבְּדוּנִי וְלִבּוֹ רִחַק מִמֶּנִּי"**. מען האָט מכבד געווען דעם אויבערשטן אויסערליך, אָבער אין האַרץ פאַרגעסט מען פון אים. מען איז זיך מתעלם פונעם באַשעפער. און טאַקע דערפאַר, ווען מיר זאָגן סליחות, איז דאָס די בעסטע און פּשוט'ע וועג **צוריק צו אָנהויבן רעדן די אָפענע שפּראַך מיט'ן אויבערשטן!**

אויב ס'איז דאָ צוויי מענטשן וואָס האָבן גאָרנישט קיין שייכות איינער מיט'ן אַנדערן, אָבער זיי ווילן יעצט ווערן שותפים, אָדער מחותנים, וכדומה, זיי ווילן עפּעס בויען אינאיינעם, וויאַזוי הייבט מען אָן?! **די ערשטע זאַך זעצן זיך די צוויי אַוועק און מען הייבט אן שמועסן.** אַזוי קען עפּעס אַרויסקומען דערפון. ווען אַ בחור דארף ווערן אַ חתן, מען וויל דאָ בויען אַ גאַנצע שטוב, דאַרף מען דאָך אָנהויבן פון ערגעץ, זעצט מען אַוועק די צוויי זאלן אָנהויבן רעדן. **מ'קען דאָך נישט בויען אַ בנין אויב מען הייבט נישט אָן צו רעדן.**

אַצינד, אויב די צוויי מענטשן האָבן זיך קיינמאָל נישט געקענט, וועט מען רעדן סתם זייטיגע זאַכן, בלויז צו אָנהויבן בויען אַ קשר, אָבער אויב די צוויי האָבן שוין געהאַט אַ שייכות אַמאָל, נאר זיי זענען געוואָרן אָפּגעטיילט צוליב אַ מחלוקה'לע וכדומה, דעמאָלט ביי די ערשטע צוזאַמטרעף ווען מען באַגעגנט זיך זאָגט מען: **"הער זיך איין, וואָס איז געווען איז געווען, דאָס איז נישט געווען מיין פּנימיות, כ'האָב עס נישט געמיינט, און באמת וויל איך יאָ זיין נאָנט מיט דיר, איך וויל האָבן אַ שייכות און בויען צוזאַמען".**

דאָס איז טייטש סליחות! ווען **אַ איד עפענט זיך זיין האַרץ און רעדט זיך אָפן אויס מיט'ן רבוש"ע.** ער וויל דאך יעצט בויען אַ נייע קרבה, דאַרף ער זיך אויסרעדן אויף 'וואָס איז געווען', און אָנהויבן לעבן אויף אַזאַ סאָרט אופן פון זיך אויסשמועסן מיט אַ נאָנטקייט!

ב

# ואני תמיד עמך; ביי סליחות בעטן מיר זיך איבער פאַר'ן זיך 'מתעלם זיין' פון השי"ת

## די 'שלום בית' אין שטוב איז געוואָנדן אויף די 'שלום בית' מיט תורה ומצוות

ס'איז דאָ אַן אינטערעסאַנטע זאַך וואָס שטייט אין די ספרים פון דעם **חיד"א** זצ"ל, (דער זעלבער יסוד שטייט אויך ברמז אין ספה"ק **נועם אלימלך**, פּרשת וישלח), אַז ווען אַ מענטש זעט אַז ער האָט פּראָבלעמען מיט זיין 'שלום בית' אין שטוב, זאָל ער וויסן אַז דאָס קומט **וויבאַלד ער פירט זיך נישט אויף ריכטיג מיט'ן רבוש"ע און מיט די תורה הק' וואָס איז אונזער 'אשת חיל'.** אויב דער מענטש וועט פאַרריכטן זיין נאָנטע מהלך מיט די תורה, וועט דאָס ווערן מסודר אויך ביי אים אין שטוב. אויך אינדערהיים וועט מען אים צוהעלפן אַז ער זאָל קענען מצליח זיין בתורה ועבודה.

ס'איז דאָ מענטשן וואָס שפּירן אַז זיי וואָלטן געוואָלט מער שטייגן אין עבודת ה', אָבער די בני בית לאָזט זיי נישט, מען האַלט זיי צוריק מיט טרדות וכדומה. דער חיד"א זאָגט אָבער אַ מורא'דיגער יסוד אַז **די קרבה וואָס דער מענטש דארף האָבן מיט דער תורה איז אַ 'שלום בית'דיגער' סאָרט פלאַן**, און ווילאַנג דו ועסט נישט האָבן קיין ריכטיגע 'שלום בית' מיט דער תורה, קען עס נישט אַרבעטן אין שטוב.

ער קויפט אַ זיץ, ער שאַקלט זיך זייער ערנסט, ער האָט אָבער קיינמאָל געעפנט אַן אָפענע שפּראַך מיט'ן רבוש"ע!

## ווער נישט נעלם פון שטוב...

אַ מענטש האָט זיך אָפּגעלערנט זיין 'קביעת עתים', ער האָט אָפּגעדאַווענט, געגעבן צדקה, אָפּגעזאָגט דעם 'יום תהלים', און אפשר אויך 'פּרשת המן'. ער האָט געדעקט די זאַך, און יעצט האָט ער פאַרמאַכט דעם ספר, פאַרמאַכט דעם סידור, און אויך פאַרמאַכט דעם רבוש"ע... ער האָט געגעבן אַ שטאַרקן קיש פאַר'ן סידור און **מען קען אים נישט יעצט טרעפן מער.** ער איז נישטאָ. ס'איז נישט דאָ וואו מען קען אים 'כאַפּן', ביז ער וועט צוריקקומען.

יעדער פאַרשטייט אַז ווען אַ מענטש פירט אַזאַ ווירטשאַפט ביי זיך אינדערהיים, **איז דאָס אַ גרויסע עוולה.** אויב אַ מאַן גייט זיך אַרויס פון שטוב אויף לאַנגע צייט און ער איז בכלל נישט מודיע וואו ער גייט, און בשעת ער איז נישט אינדערהיים הייבט ער נישט אויף קיין טעלעפאָנען און ער נעמט נישט קיין שום אחריות, דעמאָלט ווען ער וועט צוריקקומען מיט אַ גרויסן "שלום עליכם", **וועט לאו דוקא זיין איינער וואָס זאָל אים צוריק זאָגן "עליכם שלום"...** - זיי כאָטש מודיע אין שטוב אַז אין די קומענדיגע צוויי שעה וועט מען דיך נישט קענען 'כאַפּן' און נאָכדעם, צען אַזייגער ביינאַכט, וועסטו זיין צוריק! מ'קען נישט טון אַזאַ סאָרט התנהגות, צו אַוועקלויפן אויף גאַנצע טעג, נישט נעמען קיין שום אחריות, פאַרגעסן פון אַלעם, זיך נישט אָפּגעבן מיט די פּשוט'ע זאַכן, און דערנאָך ווען מען קומט צוריק וויל מען אַז ס'זאָל זיין אַ רואיגע אַטמאָספערע פון "שכינה שרויה בתוך ביתו". עס אַרבעט נישט אַזוי...

## ריכטיגע 'שלום בית' איז ווען מען מ'איז זיך קיינמאָל נישט מתעלם

אַ געטרייער מענטש ווייסט אַז אפילו ווען ער גייט אַרויס דאַווענען, אפילו ער גייט אַרויס לערנען אויף אַסאַך שעות, זאָגט ער אין שטוב: "די קומענדיגע שעות וועל איך נישט דאָ זיין, אפשר קען איך עפּעס צוהעלפן, אפשר קען איך אויפ'ן וועג איינקויפן עטליכע זאַכן וואָס מ'דאַרף ערלעדיגן". **ער איז טאַקע נישט אינדערהיים, אָבער ער נעמט אחריות!** ער האַלט קאָפּ אַגאַנצע צייט. ער לויפט נישט אַוועק. אַזוי קען זיין שלום בית אין שטוב.

זענען צדיקים אונז מסביר אַז אידישקייט איז געבויעט אויף די זעלבע סאָרט וועג. **אַ מענטש דארף אַגאַנצן צייט האַלטן אָפן זיין שייכות מיט'ן רבוש"ע.** עס קען נישט אַזאַ באַגריף אַז ער ווערט נעלם אפילו אויף אַביסל! ער דאַרף טאַקע גיין אַרבעטן, ער דאַרף טאַקע עסן, אָבער פאַרדעם זאָגט מען ברכות פאַר'ן עסן, דער איד רעדט דעמאָלט אויך צום אויבערשטן, ער דאַנקט דעם אויבערשטן. ער לויפט נישט אַוועק און ער זיך נישט מתעלם קיינמאָל.

## בלייבן אָנגעבינדן און משועבד צו השי"ת

דער מענטש וויל דאָס אָבער נישט. ער וויל נישט אַז יעדעס מאָל וואָס ער עסט אָדער טרונקט, זאָל ער דאַרפן אינזין האָבן די ברכה און דערביי שפּירן אַן אמת'ע הכרת הטוב, אַ געפיל פון הכנעה אַז **'סקומט זיך מיר נישט'** און דאַנקן דעם אויבערשטן, פּונקט ווי ער וואָלט אים יעצט געראַטעוועט פון הונגערן.

אַ מענטש האַלט נישט דערביי. ער וויל זיין אין אַ מצב פון "מ'קען מיך נישט יעצט כאַפּן, איך בין נישטאָ". ער וויל נישט זיין אַגאַנצן צייט משועבד און ער וויל נישט דאַנקן ביי יעדע זאַך וואָס ער טוט. פאַרוואָס וויל ער נישט דאַנקן? ווייל ער וויל נישט שפּירן 'אָנגעהאָנגען' אויפ'ן אויבערשטן.

אָבער אַז אַ מענטש האָט נישט דעם סאָרט שייכות, פון אַ שטענדיגע קשר, **דעמאָלט קען מען נישט האָבן קיין 'שלום בית'!** די 'שלום בית' אין שטוב איז אַ וועג וויאַזוי דער רבוש"ע איז מרמז וויאַזוי מיר דאַרפן לעבן מיט'ן אויבערשטן. דער רבוש"ע האָט אַזוי אויסגעשטעלט די וועלט אַז ס'זאָל זיין אַזאַ מושג פון נאָענטקייט צווישן מענטשן, **כדי מיר זאָלן וויסן וואָס הייסט זיך ריכטיג אָפּגעבן מיט נאָענטע מענטשן;** וואָס הייסט ריכטיג פאַרשטאַנען יענעמס געפילן און וואָס הייסט זיך מתעלם געווען פון יענעמ'ס געברויכן. **ער האָט אונז געגעבן דעם 'משל', כדי מיר זאָלן פאַרשטיין דעם 'נמשל',** צו וויסן וויאַזוי אַ איד דארף לעבן מיט'ן אויבערשטן.

## די נעימות פון אַן אָפענע לעבן מיט'ן באַשעפער

מען האָט טאַקע געזען ביי ערליכע אידן וואָס האָבן געלעבט אין שטוב אויף אַזאַ וועג. זיי זענען אַלעמאָל געווען זהיר צו מכבד זיין די בני בית מיט אַן אחריות, זיי האָבן אַלעמאָל געהאַט דעם שמייכל און דעם גוט וואָרט, זיי האָבן מקריב געווען פון זיך זאָגנדיג: "אויב די בני בית וועט דאָס באַדערן, גיי איך נישט דאָס טון"... **אַזוי דארף אַ איד אייביג לעבן מיט'ן רבוש"ע!**

אַ איד דארף אַגאנצן צייט טראַכטן: **וואָס וויל דער רבוש"ע פון מיר אין דעם יעצטיגן מצב?!** און ער זאָל טאַקע רעדן מיט'ן אויבערשטן! ער זאָל האָבן אַן אָפענע שפּראַך! **אויך ווען ער פאַרשטייט אַז ער האָט פּוגע געווען, זאָל ער קומען צום אויבערשטן און זיך איבערבעטן.** ווייל דאָס זיך 'נישט וויסנדיג מאַכן' איז אַ קינדערישע סאָרט פּלאַן. מען פרעגט אַ מענטש: "וואָס פּלאַנסטו צו טון? יענער איז דאך געוואָרן געטשעפּעט פון דיר?". זאָגט ער: "איך גיי גאָרנישט טון, איך האָב אים אויסגעמעקט פון מיין טעלעפאָן, כ'האָב שוין נישט זיין נומער, יענער קען מיך נישט קלינגען".... **דאָס איז אינגאַנצן נישט קיין מהלך,** ווייל שפּעטער פּלאַצט דאָס און דעמאָלט איז עס גאָר אומבאַ'טעמ'ט... ווען אַ איד לעבט אָפן מיט'ן באַשעפער, העלפט דאָס אים אַז ער זאָל האָבן אַ גליקליכע און זיסע לעבן.

## די אהבה'דיגע קשר צווישן אַ בחור מיט זיין פאָטער

די פאָלגנדע מעשה האָב איך אליינס געהערט פון די משפּחה זעלבסט, און דאָס איז אַ מורא'דיגע שטאַרקע לימוד אויף למעשה.

ס'איז דאָ אַ איד וואָס דער אויבערשטער האָט אים אויסגעשטעלט אין אַזאַ סאָרט מצב אַז ער קען ליידער נישט רעדן. ער האָט נישט דעם 'כח הדיבור' און זיינע אַרומיגע קענען קאָמוניקירן בלויז דורך רמזים וואָס אַזוי פאַרשטייט מען וואָס ער וויל.

דער איד האָט אַ בחור וואָס פון יונגווייז אָן איז ער אויפגעוואַקסן האָבנדיג אַזאַ סאָרט שייכות מיט זיין טאַטע אַז ער לערנט מיט אים, אָבער אַלעס אָן קיין רעדן, בלויז מיט רמזים אָדער דורך שרייבן. ער האָט קיינמאָל נישט געהערט זיין טאַטע זאל רעדן צו אים, אָבער דער טאַטע מיט'ן קינד האָבן אַ מורא'דיגע נאָענטע קשר.

איינמאָל אין דער ישיבה וואו דער בחור לערנט, איז דאָרט געווען אַן אַנדערער בחור וואָס האָט געפרעגט דעם מגיד שיעור: "וויאַזוי קען אַ מענטש צוקומען צו האָבן אַן אהבה צום רבוש"ע, אויב מען זעט אים נישט מיט די פליישיגע אויגן און מען הערט אים נישט מיט די פליישיגע אויערן?! אַ געווענליכע אהבה אַרבעט דאך אַז צוויי מענטשן רעדן אינאיינעם ווערט דערפון אַ נאָענטקייט, אָבער וויאַזוי קען דאָס זיין כלפּי דעם רבוש"ע".

האָט דער מגיד שיעור זיך אָנגערופן: "דאָ זיצט מיט אונז אַ בחור וואָס האָט אַן אויסטערלישע שייכות פון אהבה מיט זיין טאַטע, הגם וואָס זיין פאָטער האָט קיינמאָל נישט גערעדט צו אים, קוקט אים אן וועט איר זען אַז ס'איז יאָ שייך צו האָבן אַ נאָענטקייט אפילו ווען מען קען נישט בפּועל רעדן". דער בחור האָט זיך טאַקע אויפגעשטעלט און געזאָגט ברבים פאַר אַלע בחורים אין דער כתה: **"איך גלייב אַז ס'איז נישטאָ נאָך אַ בחור דאָ אין ישיבה, וואָס האָט אַזאַ אהבה און אַזאַ קשר ווי איך האָב מיט מיין טאַטע"...**

## די טיפע 'אהבה' וואָס קומט פון 'נתינה'

וואָס איז טאַקע דער סוד?! פון וואו נעמט זיך אַזאַ אהבה?! ס'איז זיכער אַ טיפע זאַך, אָבער איינס פון די נקודות איז אַ פּשוט'ע הסבר: ווען דער טאַטע קען זיך נישט אליינס אַרויסברענגען מיט ווערטער, פאָדערט דאָס פון די אַרומיגע צו קוקן אויף זיינע רמזים, עס

פאָדערט אַז מען זאָל זיך אָנשטרענגען און פּרובירן אויפכאַפּן צי ער וויל דאָס יאָ אָדער נישט, אַמאָל טוט מען איין זאַך אָבער נאָכדעם זעט מען אַז ער האָט געמיינט צו זאָגן עפּעס אַנדערש, א.א.וו.

ווען אַ מענטש שטרענגט זיך אָן צו באַדינען אַ טאַטן אַזוי געטריי, ער לייגט זיך אַריין צו טראַכטן "וואָס וויל ער באמת?" און ער פּרובירט צו טון אַלעס אים צו העלפן און פאַרגרינגערן, **דאָס ברענגט אַ מורא'דיגע טיפע שייכות פון קשר און אהבה!** וויבאַלד זייער קשר איז נישט געבויעט אויף קיין 'חיצוניות', ס'איז געבויעט אויף פאַרשטיין און ממלא זיין דעם אַנדערן'ס רצון! און ער קען אפילו נישט נוצן די 'חיצוניות' אַז דאָס זאָל פאַרדעקן די 'פּנימיות'. דעריבער קומט אַרויס אַ ריינע אהבה.

דאָס זעלבע דאַרף יעדער איד זיך אַליינס פרעגן די שאלה: **"דער רבוש"ע וויל דאָך עפּעס פון מיר, לאָמיך טראַכטן, וויאַזוי קען איך מטיב זיין מיט די שכינה הקדושה, וואָס וויל דער רבוש"ע יעצט?!"** ער וועט טאַקע נישט הערן וויאַזוי דער אויבערשטער רעדט צו אים בפּועל, אָבער ער לייגט זיך אַריין אין אַזאַ מצב פון אויפבויען אַ קרבה דורך טון דעם רצון ה', **דעמאָלט ווערט אַ נאָענטע שייכות!** נאָך אַסאַך טיפער ווי ווען צוויי מענטשן רעדן איינער מיט'ן אַנדערן! ווייל ווען צוויי מענטשן רעדן איז דאָ אַסאַך זאַכן וואָס קען מעכב זיין די 'קרבה', אפילו אויב זיי זענען חברים קען אָבער זיין אַז יעדער טראַכט פון אַנדערע

# די אַלע מעשי המצוות דאַרף עפּעס ברענגען! דאָס איז נישט קיין תכלית פאַר זיך.

זאַכן בשעת מ'רעדט, אָבער ווען די קרבה איז געבויעט אויף אַ געפיל אַז מען וויל ממלא זיין יענעמס רצון, מען וויל אים געבן, ברענגט דאָס די גרעסטע נאָענטקייט!

## דורך 'געבן' אַנטוויקלט זיך די גרעסטע ליבשאַפט

יעדער ווייסט אַז **'אהבה' ווערט געבויעט דורך 'נתינה'**; ווען אַ מענטש גיט אַוועק פון זיך דעמאָלט אַנטוויקלט ער אַן אהבה צו יענעם. און פאַרקערט, ווען ער וויל בלויז נעמען, דעמאָלט איז ער זיך 'מפריד', ער וויל בלויז שלעפּן צו זיך, און דאָס קען נישט ברענגען צו קיין אמת'ע קרבה. **ווען איינער גיט און גיט אַגאַנצע צייט ווערט דערפון אַ מורא'דיגע קרבה**, וואָס גייט אַריין אין דעם מהות פונעם מענטש!

דעריבער האָט דער בחור אַזאַ נאָענטקייט צו זיין טאַטן, ווייל ער איז שטענדיג פאַרנומען אים צו משמש זיין, אים צו אינזין האָבן אפילו ווען ס'איז גאָר שווער, **דאָס בויעט אויף אַן אויסטערלישע אהבה נפלאה!**

## דאָס איז דער ציל פון תורה ומצוות, אַ איד זאל 'געבן' כדי צו אויפבויען די רגשי אהבה לה'

די זעלבע זאַך איז אַקטועל ביי אונזער שייכות מיט'ן רבוש"ע. אידן האָבן באַקומען דעם ציווי פון 'ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך' און דערפאַר האָבן מיר אַ תורה מיט מצוות, וואָס אויב מיר וועלן דאָס טון ריכטיג, מיר וועלן אַלעמאָל זיין גרייט צו ממלא זיין דעם רצון ה', **וועט דאָס בויען אונזער נאָענטע שייכות** מיט'ן רבוש"ע.

דער מענטש זאָגט אָבער: "קוק, כ'האָב געטון וואָס מען הייסט מיר. כ'האָב געלערנט אַ שעה, כ'האָב געגעבן צדקה, כ'האָב געדאַווענט מיט מנין"... לאָמיר פאַרשטיין אַז **די אַלע מעשי המצוות דאַרף עפּעס ברענגען!** דאָס איז נישט קיין תכלית פאַר זיך, דאָס איז זאַכן וואָס האָבן דעם כח צו אַריינשיינען אין אונז אַ געפיל פון קרבת ה'!

ג

# ושמחת בכל הטוב; האָבן 'הכרת הטוב' אויך אויף די 'חסרונות'

## די סגולה פון 'ביכורים' - הכרת הטוב

אין ספה"ק **תפארת שלמה** (פּרשת כי תבא) ברענגט ער אויף דעם ענין פון ביכורים, אַז דער **זוהר הק'** רופט דאך אן אַלע מצוות אַז דאָס זענען 'עצות'; יעדע מצוה איז אַ ספּעציעלע עצה און אַ דרך וויאַזוי מען קען אָנקומען דורכדעם צו דינען דעם אויבערשטן. דער תפארת שלמה רעכנט דאָרט אויס עטליכע מצוות, וואָס יעדע פון די מצוות האָט אַ ספּעציעלע כח צו העלפן דעם מענטש אָנקומען צו אַ געוויסע מעלה אין עבודת ה'.@

זאָגט דער תפארת שלמה אַז די מצוה פון ביכורים האָט די סגולה פון "ושמחת בכל הטוב" - דאָס הייסט אַז דורך מקיים זיין די מצוה **וועט מען אָנהויבן מכיר טוב זיין אויף אַלע גוטס וואָס דער אויבערשטער גיט.** ווען מען איז מקריב ביכורים ווערט מען אַ נייער סאָרט מענטש. יעצט דאַרף מען שוין נישט האָבן 'תאנים' מיט 'רמונים' צו שפּירן אַ הכרת הטוב פאַר'ן אויבערשטן, נאר מען בלייבט שוין מיט דעם געפיל אויף אייביג! דער מענטש דאַנקט שוין אַלעמאָל דעם אויבערשטן פון די טיפענישן פון זיין האַרץ מיט אַזאַ נאָענטקייט.

## דאַנקן השי"ת אויך אויף די 'חסרונות'

אַזאַ סאָרט 'הכרת הטוב איד' זאָגט 'ברכת השחר' אינדערפרי, און **ער האָט אינזין אויך די 'געפיל', נישט בלויז די טייטש!** ווען ער זאָגט די ברכה פון 'העושה לי כל צרכי' שפּרינגט ער פאר שמחה אַז דער רבוש"ע איז באמת ממלא אַלע מיינע צרכים. און **אויב עס פעלט מיך עפּעס אַ זאַך, אדרבה! אויף דעם גייט טאַקע אַרויף די ברכה!** ווייל אויב דער אויבערשטער גיט מיך אַלע מיינע צרכים, און די זאַך פעלט מיר, איז זיכער אַז דער חסרון איז אויך אַ גוטע זאַך פאר מיר!

## 'העושה לי כל צרכי' - אויב איך האָב עס נישט, איז דאָס מיין בעסטע 'צורך'

אַזוי שרייבט הגאון רבי **שלמה קלוגער**

**◄ אותיות מחכימות ►** | ספה"ק תפארת שלמה פרשת כי תבוא

"ושמחת בכל הטוב אשר נתן לך ה' אלוקיך". הנראה לי דהנה הזוה"ק (יתרו פב, ב) הוא קורא למצוות ופקודי אורייתא – עֵטִין (עצות). והוא כי אמנם בכל מצוה ומצוה יש בה עצות ודרכים איכה להגיע אל עבודות הבורא וממנו יסייע לאהבת ה' יתברך ולדביקותו וליראתו כל הימים, כמו שיש במצות ציצית סיוע וסגולה ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם, ובמצות תפילין למען תהיה תורת ה' בפיך, וכדומה בשאר המצוות כמבואר לכל מבקשי ה'. והנה כן במצוה הזאת, מצות ביכורים, יש בה ענין לימוד למידת הסתפקות בכל דבר להיות שמח בחלקו, כמו שכתוב (אבות ד, א) איזהו עשיר השמח בחלקו.

זצ״ל אין זיין ספר '**חכמת שלמה**' (או״ח סי' מ״ו), אַז פאַרדעם האָט מען מתקן געווען צו זאָגן די ברכה פון 'העושה לי כל צרכי' דוקא אויף די שיך. ווייל פונקט ווי די שיך איז אַ 'צורך הליכה'. צום זיצן דאַרף מען נישט האָבן קיין שיך, בלויז ווען מען וויל גיין, דאָס זעלבע זענען די יסורים געמאַכט געוואָרן אַז דער מענטש זאָל קענען זיין אַן 'הולך', ער זאָל קענען גיין און זיך מדבק זיין צום אויבערשטן.

ביי ברכת השחר דאַנקן מיר דעם רבוש״ע בשם ובמלכות אויף אַלעס גוטס וואָס ער גיט אונז. **איי, מיר האָבן דאָך נישט אַלעס, אלא מאי, איז דאָס טאַקע די בעסטע זאַך אַז מען האָט עס נישט!** אַזוי באַקומט מען דעם 'שברון לב' צו דאַווענען און זיין אָנגעוויזן אויפ'ן אויבערשטן! **ווען דער רבוש״ע וואָלט אונז געגעבן אַלעס וואָס מיר ווילן אויף די מינוט, וואָלט דאָך דער מענטש פאַרלוירן זיין קשר מיט'ן אויבערשטן!**@

## אותיות מחכימות

ספר חכמת שלמה, או״ח סימן מ״ו

הנה רמז גדול רמוז בזה, דהנה בברכת שעשה לי כל צרכי מקיים האדם תמיד מאמר חז״ל (ברכות נד, א) ״חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה״, דהרי אומר בכל יום ״שעשה לי כל צרכי״, והרי יש ימים דהוי ח״ו רעה על האדם ואיך יברך שעשה לי כל צרכי, הרי הוי רעה ואיך יברך ברכה לבטלה, ובעל כרחך הוא אומר דגם הרעה הוי טובה ומודה גם על הרעה... ולכך נתקן בברכת מנעלים, כי כמו שהמנעלים הם צורך הליכה, דאם יושב במקום אחד אינו צריך מנעלים, רק לילך צריך מנעלים, כן הכי נמי צריך האדם ליסורין, כי על ידי כן יהיה הולך להתדבק בו יתברך לקיים התורה והמצוות, ולכך נותן הודאה על הרעה.

### די ספּעציעלע ברכה פון: בורא נפשות רבות 'וחסרונן'

אַזוי זאָגט אויך דער **חתם סופר**, (תורת משה פרשת עקב), אויף די ברכה: "**בורא נפשות רבות וחסרונן, על כל מה שבראת להחיות בהם נפש כל חי, ברוך חי העולמים**", אַז דער מענטש זאָגט: **איך דאַנק דיר רבוש״ע אויף די 'חסרונות' וואָס איך האָב, נאָכמער ווי איך דאַנק דיר אויף אַלע אַנדערע זאַכן וואָס דו האסט באַשאַפן!** ווייל דער חסרון גיט מיך אַזאַ שייכות מיט'ן אויבערשטן! ווען כ'וואָלט אַלעס געהאַט וואָלט איך נישט געהאַט די קרבת אלקים!

די פּראָבלעמען זענען אַ מתנה אַז דער מענטש זאָל געדענקן אַז ער איז אָנגעוויזן אויפ'ן באַשעפער. **ווען ער וואָלט אַלעס געהאַט וואָלט ער זיך אַרומגעדרייט אָפּגעריסן פון השי״ת מיט אַ געפיל אַז ער קען אַלעס אַליינס.** יעצט אָבער ווייסט ער אַז ער איז אַלעמאָל תלוי אויפ'ן רבוש״ע.

ווען אַ איד מאַכט אַ 'בורא נפשות' דאַנקט ער דעם רבוש״ע: יישר כח אַז דו האסט מיך אַריינגעשטעלט אין אַזאַ מושלם'דיגע וועלט! ס'איז נישטאָ קיין שום זאַך וואָס פעלט מיר! **בפרט די זאַכן וואָס כ'האָב זיך איינגערעדט אַז כ'וויל עס זאָל זיין אַנדערש, האָב איך אַזוי הנאה אַז ס'איז נישט געוואָרן וויאַזוי איך האָב געוואָלט!** ווייל יעצט בין איך אַ שטיקל מענטש! ווען איך וואָלט אַלעס גלייך באַקומען וואָלט איך דאָך געווען ווי סתם אַ בהמה וואָס דרייט זיך אין דער גאַס!

ד

# שמחתי מתוך יראתי; די ספּעציעלע 'קרבה' וואָס מען באַקומט דורך 'יראה'

### מען דאַרף האָבן ביידע; 'אהבה' מיט 'יראה'

דער **אור החיים הק'** אין פרשת יתרו, ביי די פסוקים פון קבלת התורה, איז מסביר אַז די נאָנטקייט צווישן אידישע קינדער מיט'ן רבוש״ע דאַרף זיין געבויעט סיי אויף 'אהבה' און סיי אויף 'יראה'. ווייל אַ קרבה וואָס איז געשטעלט בלויז אויף 'אהבה' איז נישט גענוג. מען קען נישט זיין אַזוי באמת נאָנט מיט'ן באַשעפער, ווייל דעמאָלט מאַכט מען טעותים און מען פירט זיך נישט אויף מיט די פּאַסיגע כללים. **אויב אַ מענטש וויל האָבן אַ קרבה מיט'ן מלך, אָבער ער פירט זיך אויף נאַריש, דעמאָלט קען ער חלילה פאַרלירן די קרבה.**

### די אמת'ע נאָנטקייט קומט ווען ס'איז דאָ די ריכטיגע 'יראת שמים'

ס'איז ליידער דאָ מענטשן וואָס ווען עס קומט אָן אַן 'אלול' מיט די 'ימי הרחמים והסליחות', **פאַרשטייען זיי נישט וויאַזוי צו שפּירן אַ 'קרבת אלקים' דורך 'יראה'.** זיי מיינען אַז מען קען נאָר האָבן אַ נאָנטקייט צום רבוש״ע דורך 'אהבה', אָבער זיי כאַפּן נישט אַז כדי צו באַקומען די אמת'ע קרבת ה', וואָס ס'איז נישטאָ קיין זיסערע זאַך דערפון, דאַרף מען האָבן אַסאַך חלקים!

**מען דאַרף האָבן די 'אהבה' אָבער מען דאַרף אויך האָבן די 'יראה'!** ווייל אַז נישט וועט דער מענטש נישט וויסן פאַר וועמען ער שטייט און ס'וועט זיין בזיונות... אַמאָל זעט מען ווי איינער רעדט צו אַ צווייטן אָבער ער כאַפּט נישט מיט וועמען ער רעדט און דאָס ברענגט אים בושות. למשל, ווען מען רעדט מיט אַ פאַרשטענדליכער בחור אָבער מען מיינט אַז ער איז אַ קליין קינד, האָסטו יענעם מבייש געווען. אָדער ווען מען רעדט מיט אַ איד וואָס איז אַ תלמיד חכם עצום און מען באַהאַנדלט אים נישט לפי כבודו, ווייל מען קען אים נישט. **אַן אמת'ע קרבה קען נאר קומען אויב ס'איז דאָ אַלע כללים, סיי פון 'אהבה' און סיי פון 'יראה'.**

איי, מיר האָבן דאָך נישט אַלעס, אלא מאי, איז דאָס טאַקע די בעסטע זאַך אַז מען האָט עס נישט!

### די מצות געבן אַלע וויכטיגע חלקי אהבה ויראה ושמחה

די מצוות, וואָס דער רבוש״ע האָט אונז געגעבן, העלפט אונז אַז מיר זאָלן טאַקע קענען אָנקומען צו די אַלע כללים! **ס'איז דאָ מצוות וואָס גיבן אונז 'אהבה', ס'איז דאָ מצוות וואָס גיבן אונז 'יראה', און ס'איז דאָ מצוות וואָס געבן אונז 'שמחה' מיט 'הכרת הטוב',** ווי דער תפארת שלמה זאָגט אַז ווען מען איז עוסק אָדער מען לערנט די מצוה פון 'ביכורים' איז דאָס מסוגל אויף הכרת הטוב. **ווען מיר זענען מקיים אַלע מצוות ווערט אונזער קרבה צום רבוש״ע צוביסלעך אויפגעבויעט פון אַלע זייטן אויפ'ן ריכטיגן אופן!**

### לערנען תורה ערנסט בויעט אונזער נאָנטקייט מיט השי״ת

דאָס איז דער טעם פאַרוואָס מען דאַרף לערנען די הייליגע תורה '**באימה וביראה ברתת ובזיע**', ווייל ווען בשעת'ן לערנען בויען מיר אונזער קרבה מיט'ן רבוש״ע. אויב דאָס לערנען איז נישט מיט קיין ערנסטקייט,

אַהאַלבע צייט לאַכט מען אַרום, אַביסל טרינקט מען קאַווע, אַביסל זאָגט מען אַ ווערטל, אַביסל זאָגט מען 'לומדות' צו אַרויסווייזן די כח ועוצם ידי, **קען מען אַזוי נישט בויען קיין קרבת ה'!**

ס'איז נישט פשט אַז ס'איז דאָ אַ געוויסע זייטיגע זאַך, חוץ אַלע מצוות, אַז מען דאַרף אויך לערנען תורה ביראה און תורה לשמה. ניין! **דאָס איז איין זאַך, מיט איין ציל, צו בויען אַ קרבה מיט'ן אויבערשטן!** דער רבוש"ע איז מסכים צו זיין דיין חברותא! ווי חז"ל זאָגן: "**כל היושב ושונה, הקב"ה יושב ושונה כנגדו**".

## די וויכטיגע צוויי חלקים פון לימוד התורה

דער **שם משמואל** אין פרשת יתרו, איז מסביר אַז ביי דעם ענין פון לימוד התורה איז דאָ צוויי חלקים: די ערשטע זאַך איז אַז מען לערנט תורה ווייל מ'דאַרף וויסן וויאַזוי זיך צו פירן אַלס איד, מען דאַרף קענען די הלכות, און דאָס איז טאַקע זייער אַ חשוב'ע סאָרט לימוד התורה, ווען מען לערנט "על מנת לשמור ולעשות".

אָבער ס'איז פאַראַן נאָך אַ בחינה ביי לימוד התורה; דאָס איז דער חלק פון "הקב"ה יושב ושונה כנגדו". ווען אַ איד לערנט ברענגט אים דער אויבערשטער נייע חיות! **דער רבוש"ע לייגט אַריין אין אים אַ נייע שמחה, אַ נייע אור פון אלקות, וואָס גיט אים די כוחות ער זאָל זיך קענען מתגבר זיין קעגן דעם יצר הרע!**

צו באַקומען אָט דער חלק פון דער תורה דאַרף דער מענטש זיך גוט צושטעלן. ער קען נישט מאַכן קיין ליצנות פון זיין חברותא... יעדער פאַרשטייט אַז אויב מען מאַכט ליצנות פון אַ חברותא פאַרלירט מען אים! זאָגט דער שם משמואל אַז ווען מען זאָגט ברכת התורה **דאַרף מען אינזין האָבן די בחינה: אַז מען וויל לערנען תורה כדי צו האָבן דעם רבוש"ע כביכול פאַר אַ חברותא**, און דעריבער גייט מען צו צו דער תורה מיט אַן ערנסטקייט.

אָט די תכלית פון תורה ומצות איז נישט קיין זאַך וואָס מען קען זיך מתעלם זיין דערפון. **דאָס קען נישט בלייבן קיין שלש סעודות תורה...** ס'קען נישט בלייבן אַן ענין וואָס שטייט אין די ספרים... מען דאַרף וויסן אַז **דאָס איז דער אמת!** און אויב מען גייט נישט מיט'ן אמת, קען מען זיך חלילה צוקלאַפּן.

## די אמת'ע ציל פון אַלע תורה ומצוות איז בלויז איין זאַך: לדבקה בו!

ס'איז דאָ בלויז איין וועג וואָס דער רבוש"ע האָט אויסגעשטעלט אויף דער וועלט אַז אַ איד זאָל קענען מצליח זיין, **דער וועג פון תורה ומצות!** אָבער דער וועג האָט איין תנאי, אַז **מען דאַרף דאָס מקיים זיין מיט דער ריכטיגער צוגאַנג!** דער מענטש דאַרף זיך פרעגן: "וואָס איז מיין ציל?! וואו וויל איך אָנקומען?! איך וויל אָנקומען צו זיין אַ גרויסער תלמיד חכם?! צו מחבר זיין ספרים?! צו האָבן אַ גוטע שטעלע?! צו האָבן גוטע קינדער?!".

רבותי! **די תשובה איז קיין איינס פון די אַלע! לאָמיר דאָס אַרויסנעמען פון קאָפּ! נישט דאָס איז דער תכלית!** עס שטייט נישט אין קיין שום פלאַץ אין דער תורה אַז די אַלע זאַכן זענען די תכלית פון אַ איד! **די אמת'ע תכלית איז - 'לדבקה בו'!** מיר דאַרפן נוצן די גאַנצע תורה מיט אַלע מצוות, צו ווערן נאָענט מיט'ן רבוש"ע! דאָס איז דער תכלית און אין די גאַנצע תורה שטייט דאָס נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל - **מה ה' אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה וכו'!** דאָס וויל דער אויבערשטער מיט די תורה ומצוות!

ווען אַ איד האָט **ידיעות התורה**, אויב ער לערנט ריכטיג; ווען אַ איד האָט **כוונה בתפלה**, אויב ער וועט דאַווענען מיט הכנעה און ביטול; ווען אַ איד טוט **מצוות**, אויב וועט ער אינזין האָבן צו מקיים זיין דערמיט 'אחרי ה' תלכו'; ווען מען טוט **גמילת חסדים און צדקה**, כדי צו קענען זיין אַ 'מרכבה לשכינה'; וועלן די אַלע זאַכן ברענגען דעם מענטש צו אָט דעם ריכטיגן און אמת'ן תכלית!

אָבער אויב מען איז מקיים די אַלע זאַכן, אָן וויסן וואָס די תכלית איז, דעמאָלט וועט עס טראָגן דעם מענטש ערגעץ אַנדערש. דער מענטש נוצט טאַקע תורה, תפלה, צדקה, אָבער ער פאָרט צו אַן אַנדערע פלאַץ.

## ווען מען האָט אַן אָפענע שפּראַך, דעמאָלט קען מען פאַרציילן די חסרונות

דער יצר הרע אַרבעט טאַקע שווער אַז דאָס זאָל נישט פאַסירן. ער האָט דאָך נישט ליב קיין 'קרבת אלקים', ווייל ער לעבט פון דעם פירוד צווישן דעם רבוש"ע מיט אידישע נשמות.

> **"ווען עס קומט אָן אַן 'אלול' מיט די 'ימי הרחמים והסליחות', פאַרשטייען זיי נישט וויאַזוי צו שפּירן אַ 'קרבת אלקים' דורך 'יראה'"**

דערפאַר דאַרף אונזער עבודה זיין צו עפענען אונזערע הערצער און צו רעדן מיט'ן באַשעפער: "**רבוש"ע העלף אונז נענטער ווערן צו דיר**". **ווען דער מענטש ווייסט דאָס דאַרף ער זיך נישט מתעלם זיין פון זיינע חסרונות!**

אין הכי נמי, אויב דער גאַנצער ציל פונעם מענטש איז צו זיין אַ 'מוצלח', צו אָנקומען צו אַ געוויסע שפּיץ, ער זאָל זיין מפורסם, און די אַנדערע נאַרישקייטן וואָס דער יצר הרע פאַרקויפט אונז, דעמאָלט אויב ס'איז דאָ עפּעס וואָס שטימט נישט דעם שיינעם בילד, וויל ער נישט אַז קיינער זאָל דאָס וויסן, און ער אַליינס זאָל עס אויך נישט וויסן. ס'איז אַ שוואַרצע חלק וואָס מען באַהאַלט... אָבער אויב דער מענטש ווייסט דעם אמת, אַז **די אַלע זאַכן זענען שטותים, און ער דאַרף אָנקומען צו איין פלאַץ - צו ווערן נאָענט מיט'ן אויבערשטן**, דעמאָלט באַהאַלט ער נישט זיינע חסרונות, **אדרבה, דאָס העלפט אים ווערן אַ בעסערער איד!** ער קען יעצט זיך אויסרעדן צום אויבערשטן אויף זיינע עבירות! ער דאַרף זיך נישט מאַכן כאילו עס עקזיסטירט נישט...

## לעבן מיט'ן תכלית ברענגט אַן אמת'ע תפלה

ווען אַ מענטש מיינט אַז ער איז דער 'רשכבה"ג' און ער טרעפט זיך מיט זיין פעקל עבירות, דעמאָלט שטימט דאָך עס נישט.. דאַרף ער בהכרח אויפקומען מיט אַ חשבון אַז ס'איז נישט געפערליך, ווייל ס'איז דאָך אַ סתירה צווישן דאָס בילד וואָס ער וויל מאַכן און צווישן זיין התנהגות... **אָבער אויב דער תכלית פון אַ איד איז צו זיין נאָענט מיט'ן אויבערשטן, דעמאָלט קען ער אַלעמאָל בלייבן אָפן און זאָגן: "יאָ, דאָס איז מיין מצב, איך שעם זיך זייער שטאַרק"**.

אַזוי האָבן צדיקים גערעדט! פאַרשטייט זיך אַז צדיקים האָבן געהאַט אַנדערע סאָרט עבירות. ביי זיי איז געווען אַ חטא אויב ס'איז זיי דורכגעלאָפן אַ מחשבה פון תורה אינמיטן חזרת הש"ץ וכדומה, אָבער וויאַזוי האָבן זיי גערעדט איבער זייערע חטאים?! **זיי האָבן דאָס דורכגעשמועסט מיט אַן אָפענע שפּראַך מיט'ן רבוש"ע!**

די אַלע תפלות און די סליחות פון די הייליגע טעג, איז אויסגעשטעלט אויף אַזאַ סאָרט אופן. **מען רעדט זיך אויס אָפן מיט'ן רבוש"ע: "איך בין טאַקע גאָרנישט ווערד, איך האָב זיך באַנאַרישט"**. דער מענטש ווערט אָבער נישט צעבראָכן דערפון. ער ווערט נאָר צעבראָכן אויב האָט ער זיך איינגערעדט אַז ער דאַרף ווערן אַ גאַנצע "פירמע", ער האָט געדאַרפט הייסן עפּעס אַ חשוב'ע זאַך... אָבער אויב האָט ער געדאַרפט

האָבן קרבת אלקים, פאַרוואָס זאָל ער ווערן צעבראָכן ווען ער רעדט אָפן מיט'ן רבוש"ע?! **פאַרקערט, ער טוט דאך יעצט זיין תכלית, ער שמועסט כביכול מיט'ן אויבערשטן!** וואָס ער רעדט מיט אים איז שוין נישט אַזוי שטאַרק משנה, דער עיקר איז די עצם מציאות אַז ער האָט די זכי' צו רעדן אָפן מיט'ן רבוש"ע!

### די נאנטקייט צו השי"ת איז די גרעסטע 'מחילת עוונות'

ווען אַ איד ווערט נאָנט מיט'ן רבוש"ע, ער רעדט מיט אים אָפן, דעמאָלט העלפט אים טאַקע דער אויבערשטער און כביכול דער רבוש"ע ווערט נאָנט צו אים. ווייל **אַז ס'איז דאָ דער 'אני לדודי', דעמאָלט איז אויך דאָ דער 'ודודי לי'.**

צדיקים זענען מסביר אַז ווען אַ איד איז זוכה צו אַזאַ נאָנטקייט, דאָס אליינס ברענגט אים אַ 'סליחה מחילה וכפרה' אויף די עבירות! דאָס אליינס רייבט אָפּ דעם שמוץ, ווייל **ווען מען גייט נאָנט צו אַ ליכטיגקייט ווערט די טונקלקייט ממילא אַוועקגעוואַשן!**

ס'איז דאָ אַ וועג פון תשובה צו אויסמעקן די עבירות דורך פעולות, מען נוצט זייף און דערנאָך נאָך שטאַרקערע זייף, אָבער ס'איז דאָ אַ וועג אַז מען ווערט אַזוי נאָנט כביכול צו השי"ת אַז די 'כפרת עוונות' פּאַסירט שוין ממילא.

### דורך דעם 'התגלות' פון דעם 'אור' פאַלט אַוועק אַלע 'חושך'

אַזוי שרייבט הגה"ק רבי **צדוק הכהן מלובלין** זי"ע אַז פסח ביינאַכט זענען די בכורי מצרים געשטאָרבן, ווייל ס'איז געווען אַזאַ מין 'אור השם' ווען דער רבוש"ע האָט זיך מגלה געווען "**עד שנגלה עליהם מלך מלכי המלכים**", אַזוי אַז פון די ליכטיגקייט זענען אַלע קליפות שוין ממילא געשטאָרבן. עס האָט זיך נישט אויסגעפעלט צו גיין פון איין שטוב צום אַנדערן און הרג'נען יעדן בכור באַזונדער, נאר אין איין סעקונדע זענען זיי אַלע געשטאָרבן, ווייל ס'איז געווען אַזאַ התגלות פון קדושה, זענען זיי פשוט געבליבן אָן קיין חיות!

אַזוי איז אויך ביי יעדן איד: **ווען עס ווערט נתגלה די נאָנטקייט צום אויבערשטן, ווערט אויטאָמאַטיש אַוועקגעוואַשן אַלע עבירות** עס פאַלט אַוועק די פירוד צווישן די נשמה מיט'ן אויבערשטן.

די נאָנטקייט וואָס אַ איד שפירט צום אויבערשטן העלפט אים אויך פאר אַ 'קבלה על העתיד', ער זאָל קענען זיך ווייטער אויפפירן ריכטיג, ווייל: "**אויב אַזוי אַז כ'בין נאָנט צום אויבערשטן, וויל איך דאָך נישט אים פוגע זיין,**

> **די אמת'ע תכלית איז – 'לדבקה בו'! מיר דאַרפן נוצן די גאַנצע תורה מיט אַלע מצוות, צו ווערן נאָנט מיט'ן רבוש"ע!**

**איך וויל איך אים נישט מצער זיין. אויב איך בין מכיר טובה פאַר'ן רבוש"ע וויל איך דאָך מהנה זיין די שכינה און נישט חלילה פאַרקערט".**

### די געוואַלדיגע 'עת רצון' פון א' סליחות

אידישע קינדער נעמען זיך צוזאַם, בכל קצוי תבל, אין דעם טאָג פון א' סליחות. ס'איז אַזאַ גרויסע זמן פון התעוררות!

אין **זוהר הק'** שטייט אַז פאַרדעם איז מען מתפלל די תפלה פון 'בריך שמיה' פאר קריאת התורה, ווייל ס'איז דעמאָלט אַ מורא'דיגע עת רצון ווען מען עפנט די ארון הקודש און מען קען זיך דעמאָלט אויסבעטן צו מצליח זיין אין תורה מיט אַלע גוטע זאַכן.

אין דעם טאָג פון א' סליחות ווערט דאָך אויך געעפנט אידישע הערצער! אין אַזאַ הייליגע טאָג ווען אידישע קינדער אומעטום קומען זיך צוזאַם און **מען רעדט מיט'ן רבוש"ע מיט אַ געוואַלדיגע אָפנקייט, מיט אַ געוואַלדיגע הכנעה,** איז דאָס אַן 'עת רצון' ווען מען קען זיך אויסבעטן אַזויפיל! פאַרדעם איז געווען אַסאַך פלעצער וואו מען האָט אויסגעזאָגט תהלים אין דעם טאָג, ווייל דאָס איז אַ מורא'דיגער זמן מסוגל פון קיבול תפלות.

### פאַרוואָס זאָגט מען 'אשרי' איידער סליחות

מיר זען אַז אַלע סליחות הייבן זיך אָן מיט'ן קאַפּיטל פון 'אשרי'. אויך די תפלה פון 'נעילה' הייבט זיך אָן מיט 'אשרי'. מען קען אַמאָל טראַכטן אַז דאָס זאָגט מען דאָך יעדן טאָג, דאָס האָט נישט עפּעס ספּעציעל מיט 'סליחות';

דער עיקר איז די אַנדערע וואַרימע שטיקלעך פון "זכור ברית" וכדומה.

אָבער אין **מסכת ברכות** (לא, א) זאָגט די גמרא: "**אין עומדים להתפלל אלא מתוך שמחה של מצוה**". זאָגט דאָרט רש"י: "**כגון תהלה לדוד**" - ווען מען וויל דאַווענען דאַרף מען קודם אָנהויבן מיט דעם קאַפּיטל פון 'אשרי'.

ווען אַ איד קומט רעדן צום אויבערשטן דארף אים איינער קודם פאַרציילן ווער דער רבוש"ע איז! דער מענטש שטייט ביים טיר - 'דפקנו דלתיך' - און ער וויל אַריינגיין רעדן מיט'ן רבוש"ע. זאָגט מען אים: "**קענסט שוין אַריינגיין, אָבער פאַרדעם דאַרף מען דיר זאָגן ווער דער רבוש"ע איז!**" דער מענטש זאָגט אָבער: "ניין, איך יאָג זיך יעצט, איך דאַרף גיין רעדן". זאָגט מען אים: "**מען קען נישט רעדן איידער מען פאַרשטייט וואָס דער רבוש"ע איז, אויב וועסטו דאָס נישט הערן, וועסטו בכלל נישט פאַרשטיין און נישט דערהערן וואָס דו זאָגסט**".

דער איד טענה'ט: "אָבער איך וויל דאך רעדן פון אומבא'טעמ'טע זאַכן, איך וויל דערמאַנען מיינע עבירות און מיינע פּראָבלעמען". אָבער דער אמת איז אז ס'איז נישט משנה וואָס דו ווילסט זאָגן, **צוערשט מוזטו וויסן וואָס דער רבוש"ע איז!**

### דערהערן דאָס גוטס פון השי"ת איידער מען הייבט אָן זאָגן סליחות

דער אויבערשטער זאָגט פאר אַ איד: כ'הער וואָס דו זאָגסט... אַלע חטאים עוונות ופשעים, כ'הער די גאַנצע זאַך... אָבער אויב דו ווילסט וויסן צו וועמען דו רעדסט, זאָגט יעדן טאָג נאָכאַמאָל 'אשרי' איידער דו הייבסט אָן סליחות! זאָג אַרויס אַז "**סומך ה' לכל הנופלים**", דערמאַן זיך אַז ער איז דער "**נותן להם את אכלם בעתו**", ער גיט פאר יעדע בריאה פּונקטליך וואָס ער דאַרף האָבן אין די ריכטיגע צייט, ער העלפט יעדן איינעם לויט זיין סאָרט מצב. **צו אַזאַ גרויסן און גוטן באַשעפער גייסטו רעדן!** צו אַן אויבערשטער וואָס איז "טוב לכל ורחמיו על כל מעשיו".

דער קאַפּיטל פון 'אשרי' פאַרציילט אונז אַז **מיר ווייסן טאַקע זיך נישט וואו אַהינצוטון פון אונזערע עבירות, אָבער מיר האָבן דאך אַזאַ גוטן באַשעפער,** וואָס אידישע קינדער האָבן אַזאַ וואַרימע נאָנטקייט מיט אים! בלויז נאָכדעם וואָס מען ווייסט דאָס, קען מען אָנהויבן זאָגן סליחות, ווייל אַז מען ווייסט דאָס וויל מען שוין ממילא תשובה טון!

זאָל דער אויבערשטער אונז העלפן, אַז מיר זאָלן טאַקע קענען אויס'פועל'ן מיט די אַלע תפלות, מיר זאָלן קענען טון אַ תשובה שלימה, און ווערן געבענטשט מיט אַ גוטע געזונטע יאָר און אַ כתיבה וחתימה טובה.


להצטרף לקבלת השיעורים או החוברות באימייל ולשלוח הערות: ארה"ב. 718.387.1122 | א.י. 03.3096216 | Email. info@machonhavineini.com
קול הבינני: ארה"ב – 718.686.8300 | א"י. 072.257.7726 | בריטניה. 0204.586.2115 | בלגיה. 03.300.0223